משמרת השלום
02-5379160




וואכנ-שריפט פאר קינדער, פון 'משמרת השלום'

נו' 74
פר' במדבר
סיון פ"ה

טעמא: אַ וואָרט פון אַ איד

# אַ איד איז נישט סְתַּם איינער.

## אַ מָאדְנֶע וואונְד

אֶלְקָנָה הָאט גֶעלַיינְט אַ אִינְטְרֶעסַאנְטְן בוּך. פוּן מָאל צוּ מָאל הָאט עֶר זִיך אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט טַאפְּן דֶעם וואוּנְד (פֶּצַע) אוֹיף זַיין שְׁטֶערְן. עֶר הָאט עֶס שוֹין עֶטְלִיכֶע וָואכְן, אָבֶער יֶעצְט הָאט עֶס אָנְגֶעפַאנְגֶען מוּטְשֶׁען און קְרַאצְן. אוֹיש. סְ'שְׁטֶערְט אִיהְם. עֶר קֶען נִישְׁט לַיינֶען אַזוֹי. עֶר גֵייט אַרַיין אִין קָאך, אוּן... אוֹיךְ זַיין מַאמֶע בַּאטְרַאכְט פְּלוּצְלוּנְג דֶעם וואוּנְד.

"אֶלְקָנָה, וָואס אִיז דָאס? הָאסְט גֶעכַאפְּט אַ קְלַאפּ פוּן עֶפֶּעס?"

"אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט פוּנְקְטְלִיך וֶוען און פוּן וָואס כ'הָאבּ עֶס בַּאקוּמֶען. אָבֶער יֶעצְט הָאט מִיר עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויי טוּהן". הָאט אֶלְקָנָה גֶעעֶנְטְפֶערְט.

"אוֹיבּ ס'וֶועט נִישְׁט בֶּעסֶער וֶוערְן בִּיז מָארְגְן, וֶועט מֶען גֵיין צוּם דָאקְטֶער" הָאט זַיין מַאמֶע גֶעזָאגְט און זִיך נִישְׁט גֶעהֶערְט אַזוֹי רוּהִיג.

בַּיינַאכְט אִיז אִיהְם שוֹין שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּ אַיינְשְׁלָאפְן. דֶער וואוּנְד הָאט אִיהְם גֶעמוּטְשֶׁעט און עֶר הָאט זִיך גֶעזָארְגְט.

צוּמָארְגְנְס, אִיז טַאקֶע זַיין טַאטֶע גֶעגַאנְגֶען מִיט אִיהְם צוּם נָאנְטְן קְלִינִיק, און וֶוען דִי שְׁוֶועסְטֶער הָאט אִיהְם בַּאמֶערְקְט, הָאט זִי גְלַייך גֶעבֶּעטְן פוּן דָאקְטֶער עֶר זָאל אִיהְם אוֹיפְנֶעמֶען, אָן קַיין בַּאשְׁטֶעלְטֶע רַייֶע (תּוֹר).

דֶער דָאקְטֶער הָאט אִיהְם אָנְגֶענוּמֶען, אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט אַפָּאר שְׁאֵלוֹת, און בַּאלְד גֶעשִׁיקְט צוּם שְׁפִּיטָאל. "קֶען זַיין אַז ס'אִיז גָארְנִישְׁט" הָאט עֶר גֶעזָאגְט "אָבֶער אִיךְ וִויל זִיכֶער מַאכְן אַז ס'וַוייזְט נִישְׁט אוֹיף עֶפֶּעס עֶרְנְסְט חָלִילָה..."

אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה אַרוּם הָאבְּן זִיך שוֹין גֶעפִינֶען אִין

שְׁפִּיטאל, אֶלְקָנָה מִיט זַיין טַאטֶע: "טַאטִי וְואס וֶועט זַיין? וָואס אִיז דָאס?" הָאט עֶר גֶעפְּרֶעגְט דֶערשְׁרָאקְן. זַיין טַאטֶע הָאט אִיהם פְּרָאבִּירְט בַּארוּהִיגְן; גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט תּוֹרֵם גֶעוֶוען צְדָקָה-גֶעלְט, און גֶערֶעדְט מִיטְן גַּבָּאִי'ן זָאל אִיהם מַזְכִּיר זַיין בַּיים רַבִּי'ן. אָבֶּער פוּן דֶעם אַלֵיין הָאט אֶלְקָנָה פַארְשְׁטַאנֶען, אַז אוֹיךְ זַיין טַאטֶע אִיז נִישְׁט רוּהִיג.

זֵיי זֶענֶען אַרַיין אִין עֶלֶעוֶועטֶער, פְּרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵיי בַּאטְרַאכְט מִיט חֲשַׁש, אוֹיסְגֶעפְּרֶעגְט קוּשְׁיוֹת און נֶערְוֶועז גֶעמַאכְט. פְּלוּצְלוּנְג הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אַ עֶלְטֶערֶער זֵיידֶע מִיט בְּרִילְן: "אָט דִי וואוּנְד? ־ ס'אִיז גָארְנִישְׁט. ס'וֶועט אַרִיבֶּערגֵיין פוּן זִיךְ אַלֵיין!".

אֶלְקָנָה מִיט זַיין טַאטֶע הָאבְּן נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען עֶרְנְסְט זַיינֶע וֶוערְטֶער. גֶענוּג מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דָא דֶערְשְׁרָאקְן. וֶוער אִיז עֶר בִּכְלַל אַז עֶר זָאגְט? הַלְוַואי זָאל אַזוֹי זַיין---

זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן עֶלֶעוֶועטֶער, מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּם הוֹיט-קְלִינִיק, אִיבֶּערגֶעגֶעבְּן דַאקוּמֶענְטְן (מִסְמָכִים) פַארן סֶעקְרֶעטָאר, און זִיךְ גֶעזֶעצְט וַוארְטְן, און וַוארְטְן, און וַוארְטְן...



אוֹיפְן טִיר נוּמֶער 4 אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ קְלֵיין שִׁילְד: "פְּרָאפֶּעסָאר מוּסְקִין מִיכָאֵל". פְּלוּצְלוּנְג זֶעהן זֵיי וִוי אֵיינֶער גֵייט אַרוֹיס פוּן יֶענֶעם צִימֶער. גֶעוֶוען אִיז עֶר דֶער זֵיידֶע, וֶועמֶען זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אִין עֶלֶעוֶועטֶער... אַצִינְד אִיז עֶר גֶעוֶוען אָנְגֶעטוּהן מִיט אַ אוֹיבֶּערְשְׁטֶע בְּלוּזְקֶע. ווען דֶער סֶעקְרֶעטָאר הָאט אִיהם דֶערזֶעהן, הָאט עֶר גֶעפְּרֶעגְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ: "יָא. פְּרָאפֶּעסָאר. מִיט וָואס קֶען אִיךְ אַייךְ הֶעלְפְן?"...

פְּרָאפֶּעסָאר?!---

אוֹיבּ דֶער אַלְטֶער אִיז אַ פְּרָאפֶּעסָאר, און עֶר זָאגְט, אַז דֶער וואוּנְד אִיז גָארְנִישְׁט ־ אִיז דָאס שׁוֹין גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. וֶוערְטֶער פוּן אַ חָשׁוּבֶ'ער מֶענְטְשׁ ־ זֶענֶען חָשׁוּב.

ס'הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אוֹיף זֵיי אַ גֶעווִיסֶע רוּהִיגְקֵייט.

אַ שָׁעָה אַרוּם זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן צִימֶער נר' 4, מִיט אַ רֶעצֶעפְּט פַאר אַ זַאלְבּ (מִשְׁחָה), און, שׁוֹין!...

מִיט דֶעם הָאט זִיךְ עֶס בָּרוּךְ ה' גֶעעֶנְדִיגְט. אַזוֹי הָאט זִיךְ עֶס אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

"וֶוען אִיךְ זָאל וִויסְן, אַז דֶער אַלְטֶער אִיז אַ פְּרָאפֶּעסָאר ־ וָואלְט אִיךְ זִיךְ שׁוֹין בַּארוּהִיגְט אִינֶעם עֶלֶעוֶועטֶער" הָאט אֶלְקָנָה פְּלוּצְלוּנְג גֶעזָאגְט.

## א חידה במידה

ווָאכְנְטְלִיכֶע רֶעטֶענִישׁ, אוֹיף מִידוֹת און שְׁמִירַת הַלָּשׁוֹן

## חִידָה:

**אוֹיבּ מִיר וֶועלְן עֶס נוּצְן פַאר יֶעדֶע וָוארְט, וֶועלְן מִיר אָפְּגֶעהִיטְן וֶוערְן פוּן אַסַאךְ עֲבֵירוֹת. זִי אִיז אוּמ-בַּאמֶערְקְט, אָבֶּער זֶעהר טוֹיגְלִיךְ. וַוייל 'סוֹף מַעֲשֶׂה בְּ... תְּחִילָה'**

**וָואס אִיז דָאס?**

"רִיכְטִיג" הָאט דֶער טַאטֶע צוּגֶעלֵייגְט. "וֶוען מִיר הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען, אַז עֶר אִיז אַ חָשׁוּבֶ'ער מֶענְטְשׁ, הָאבְּן מִיר אָנְגֶענוּמֶען עֶרְנְסְט זַיינֶע וֶוערְטֶער".

"אוֹיבּ אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן, אַז וֶוען אַ אִינְגְל אִיז חָשׁוּב - זֶענֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער אוֹיךְ חָשׁוּב און וֶוערְד?" - פְרֶעגְט אֶלְקָנָה.

"פַארְשְׁטֵייט זִיךְ... אָבֶּער וָואס מֵיינְט אַ חָשׁוּבֶ'ער אִינְגְל? אִיז דֶען דָא אַ מַצָב, אַז אַ אִידִישׁ קִינְד, אִיז נִישְׁט חָשׁוּב?"

"אִיךְ לְמָשָׁל, טְרַאכְט נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין חָשׁוּב..." זָאגְט אֶלְקָנָה שְׁטִיל.

"מַאכְסְט אַ טָעוּת: יֶעדֶער אִידִישׁ קִינְד אִיז חָשׁוּב! מִיר זֶענֶען אלע קִינְדֶער פוּן רבש"ע, און אוּנְזֶערֶע רֵייד הָאבְּן אַ גְרוֹיס חֲשִׁיבוּת, כֹּחַ און קְרַאפְט: יֶעדֶע וָוארְט אָדֶער מַעֲשֶׂה וָואס מֶען רֶעדְט אָדֶער מְ'טוּהט - הָאט אַ גְרוֹיסֶע הַשְׁפָּעָה אוֹיף אַסַאך זַאכְן; אַזוֹי וִוי אַ שְׁטֵיינְדַאלֶע וָואס מְ'וַוארְפְט אַרַיין אִין וַואסֶער, שַׁאפְט אַרוּם זִיךְ רוּנְדְן, וֶועלְכֶע שַׁאפְן וַוייטֶערְדִיגֶע רוּנְדְן - אַזוֹי זֶענֶען אוֹיךְ אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים, און אֲפִילוּ קְלֵיינֶע וֶוערְטֶער; זֵיי הָאבְּן אַ עֶקְסְטֶערֶע חֲשִׁיבוּת! - הקב"ה הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דֶעם כֹּחַ!!!

וֶוען אַ אִיד בַּאגְרִיסְט זַיין חָבֵר מִיט אַ 'גוּטְן טָאג' - וֶוערְן אַסַאך זַאכְן גוּט. וַוייל אַ אִיד אִיז נִישְׁט סְתַּם אֵיינֶער!---

וֶוען אַ גוֹי, - אֲפִילוּ אַ חָשׁוּבֶ'ער פְּרֶעזִידֶענְט - זָאל זָאגְן דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער, בְּרֶענְגְט עֶס נִישְׁט אַזֶעלְכֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע תּוֹצָאוֹת: וַוייל אַ גוֹי אִיז אַ גוֹי, עֶר אִיז סְתַּם. אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר אִיז מְקַיֵים שִׁבְעָה מִצְוֹת בְּנֵי נֹחַ, און הֶעלְפְט אִידְן - פַארְמָאגְן נִישְׁט זַיינֶע וֶוערְטֶער אַזַא גְרוֹיסְן כֹּחַ.

נָאר אַ אִיד קֶען מֶען זָאגְן, אַז עֶר אִיז נִישְׁט סְתַּם אֵיינֶער!"---

**רֶגַע!**

**אוֹיבּ יֶעדֶע וָוארְט ווִירְקְט אַזוֹי שְׁטַארְק... אִיז גֶעשְׁמַאק זִיךְ צו פִילְן חָשׁוּב. רִיכְטִיג?**

**אוֹיף דֶעם וֶועלְן מִיר אי"ה רֶעדְן דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ...**

**דֶערְוַוייל טְרַאכְט אוֹיף וָואס דו הָאסְט גֶעטְרַאכְט!**

**אַ גוּט שַׁבָּת - מְשׁוּלָם.**




צו צושליסן נאך מוסדות, צום פראגראם חברים: פעקס: 02-6506107
מייל: t025379160@gmail.com
צו אנטייל נעמען און צושפרייטן דעם וואכנשריפט: 1800-800-779

קאפּיטל 33

# געהיימניסן, ביים
# באָדן פון לעבן

געשריבן: ש. רוזנשטיין | געמאלן: יוספי יוסף

**אין קורצן פון פריער:** קינדער מאכן אַ מבצע פון לימוד הלכות שמירת הלשון אין אַלע בתה"ס, ס'זאָל זיין לזכות. ביים געריכט (בית משפט) - באַרעכטיגט מען טאַקע די קהילה! אַ נדיב פון אַסטראַליע איבערראַשט זיך פון די מעשה און באַשליסט צו תורם זיין אַ בנין פאַרן חיידער.




פאַרזעצונג וועט קומען אי"ה

צו צושפּרייטן דעם וואכנשריפט אין שוהל'ן, פאר א מינימאליש'ן פרייז
**קלינגט 02-5379160 דריקט 0**

איהר ווילט הערן אַביסל מער, אויף משולם מיט זיינע חברים, און אויף דעם יצר הרע'ס, מסוכנ'דיגע סאָלדאַטן? **קלינגט אַריין צום חברים-ליין: 0723372212 דריקט 394**